בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

## פרשת נח
שנה ב'




כל הזכיות שמורות

## ווער איז סוקסעספול?

**ווען** מיר לערנען פונעם דור המבול פארשטייען מיר אז זיי זענען געווען רשעים וואס זענען נישט ווערד אונזער רעספעקט. **ותשחת הארץ לפני האלקים ותמלא הארץ חמס** - די וועלט איז פארדארבן געווארן פאר'ן אויבערשטן און די וועלט איז געווארן אנגעפולט מיט רויב (בראשית ו', י"א), און דערפאר **וימח את כל היקום אשר על פני האדמה** - און ער האט אויסגעמעקט דאס גאנצע באשעפעניש וואס איז אויף דער ערד (שם ז', כ"ג). די גאנצע משפחה פון קין, אלע זיינע דורות זענען טאטאל פארלענדעט געווארן אינעם מבול. היינטיגע צייטן קען מען נישט געפינען קיין איינציגן בשר ודם וואס שטאמט פון קין; אלע מענטשן שטאמען פון שת. ווען מיר קוקן מיט אונזער בליק פארדאמען מיר קין און זיינע דורות פאר זייערע שלעכטע מעשים. פארשטייט זיך אז מיר טוען אזוי ווייל די תורה פארדאמט זיי. דער באשלוס ווי אזוי די געשיכטע זאל זיך אויסשטעלן, דורך דער גרויסער מבול וואס האט זיי אפגעווישט פונעם כדור הארץ, איז געווען די גזירה פון השי"ת און דאס באשטעטיגט אז קין איז ווערד געווען צו פארלענדעט ווערן, און נאר נח מיט זיין משפחה איז ווערד געווען צו בלייבן לעבן.

ס'איז וויכטיג צו באמערקן אז נישט אלעס וואס איז ארויסגעשריבן אין די פסוקים איז געווען אזוי פארשטענדליך ביי די מענטשן אין יענער צייט. דאס וואס אין דער תורה איז זעלבסטפארשטענדליך איז לאו דוקא אזוי פארשטאנען געווארן דעמאלטס ביי דער מענטשהייט. ווען מיר ליינען די ווערטער אזויפיל יארן שפעטער שטימען מיר צו, אבער אין אמת'ן דעקט די תורה אויף סודות וואס זענען נישט ריכטיג פארשטאנען געווארן דורך די מענטשן פון יענער תקופה. פארשידענע זאכן זענען נישט געווען אנגענומען ביי די באטרעפנדע בשעת מעשה ווען די געשעענישן זענען פארגעקומען.

לאמיר זיך פארשטעלן ווי מיר לעבן אין די צייטן בעפאר'ן מבול און מיר פאלגן נאך וואס ס'קומט דארט פאר. שטעלט אייך פאר ווי איר לייענט די נייעס פונעם טאג, דאס וואס די

בעריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש

תורה דערציילט כאילו מיר לייענען להבדיל אן אלט פארצייטישע צייטונג.

מיר עפענען די תורה און מיר לייענען פון א מענטש מיט׳ן נאמען "למך" וואס שטאמט פון "קין", עס ווערט דערציילט אז זיין ווייב "עדה" האט געבוירן א אינגל מיט׳ן נאמען "יבל". די תורה שטעלט זיך אפ צו געבן פארשידענע אינפארמאציע איבער דעם יבל ווייל ער האט אויפגעטון גרויסע זאכן. אויב ס׳וואלט געווען צייטונגען אין יענער צייט וואלט יבל׳ס נאמען געווען אויף די העד ליינס פונעם ערשטן בלאט. וואס האט ער פאקטיש געטון? **הוא היה אבי ישב אהל ומקנה** - ער איז געווען דער פאטער פון די פאסטעכער פון די מדבריות וואס וואוינען אין געצעלטן (בראשית ד׳, כ׳).

דאס ווארט 'פאטער' מיינט לאו דוקא אז ס׳איז געווען נאר זיינע דורות וואס האבן זיך אזוי געפירט, מיר ווייסן אין די דורות פון שת און אפילו פון שם זענען אויך געווען פאסטעכער וואס האבן זיך פארנומען מיט פאשען שאף. דאס ווארט "אבי" מיינט נישט אז ער איז געווען דער ביאלאגישער פאטער נאר ס׳מיינט אז ער איז געווען דער קאפ וואס האט אויסגעטראפן דעם מהלך פון לעבן אין געצעלטן, ער האט פארגעשטעלט פאר דער וועלט "אהל ומקנה".

מיר דארפן פארשטיין ווי וויכטיג דאס איז געווען דעמאלטס פאר דער וועלט. אמאליגע צייטן זענען שטעט געווען נאר א קליינער חלק פון דער ציוויליזאציע, די פאסטעכער האבן פארנומען א גרויס חלק פון די וועלטס איינוואוינער. ס׳געווען פלעצער וואו די גאנצע באפעלקערונג איז באשטאנען פון "יושבי אהל ומקנה". ריזיגע שבטים האבן געלעבט דורך וואנדערן פון איין פלאץ צום צווייטן צו זוכן פאשע פאר זייערע שאף. און יבל איז געווען דער וואס האט פאראויסגערוקט די וועלט פון פאסטעכעריי.

בעפאר יבל האט איבערגעדרייט די וועלט מיט זיין אויסטרעף, וואו האבן מענטשן געוואוינט? זיי האבן אויסגעוועלט דעם גרינגסטן וועג. מען אויסגעגראבן לעכער ביי די זייטן פון די בערג ווי א מערה און אזוי האט מען געוואוינט. היינטיגע צייטן איז נאך פאראן אין אפריקע שבטים וואס וואוינען אזוי אין מערות. זיי פארפאסן גארנישט פון דער פארגעשריטענער וועלט, זייערע מערות זענען אויסגעשטאט מיט ראדיאס און אנדערע כלים. זיי זענען גליקליך און צופרידן דארט. זיי וואלטן זיך נישט ארויסגערוקט פון זייערע לעכער פאר קיין  געלט אין דער וועלט. ס׳איז די ביליגסטע וואוינונג מיט אסאך מעלות. ווינטער איז ווארעם דארט און זומער איז קיל. יבל האט אבער פארשטאנען אז אויב וואוינט מען אין א מערה קען מען נישט פאשען שאף געהעריג. ווייל ווען די שאף זענען פארטיג מיט די גראז פון יענעם געגענט דארף מען זיך רוקן פאראויס צו זוכן נאך פאשע, אבער א מערה קען מען נישט רוקן פון איין פלאץ צום צווייטן און מען בלייבט שטעקן. ביז די צייטן פון יבל האבן מענטשן געפאשעט נאר א קליינע צאל שאף.

ביז עס איז געקומען דער גרויסער קאפ שטיק יבל און האט אויסגעטראפן מעטאדן און פאטענטן וואס האט דערמעגליכט אויפצושטעלן גאנצע געגענטער. ער האט דערפינדן א

צאמלייג הויז - דאס געצעלט. פאר אונז הערט זיך עס נישט ווי אזא קאמפליצירטער ענין אבער ס׳האט געמוזט זיין א כיטרער מענטש וואס איז בייגעפאלן דעם אויסטרעף.

דאס איז געווען א געוואלדיגער פארשריט פאר דער מענטשהייט. יעצט קען מען צאמלייגן די הייזקע, אנלאדענען אויפן קעמל׳ס רוקן און אפרייזן וואו די גראז איז גרינער. מיינט נישט אז ס׳איז נישט געווען א חכמה, ס׳איז געווען א גרעסערער אויסטרעף ווי די טעלעפאן סיסטעם, וואס איז נישטיג אין פארגלייך צו דעם. ווען די צאמלייג הייזער זענען אויסגעטראפן געווארן האט זיך אנגעהויבן א נייע עפאכע אויף דער וועלט.

די איינוואוינער פון די מערות האבן שוין געקענט פארלאזן זייער וואוינונג און אנהייבן מאכן א לעבן. איינמאל מ׳קען זיך ארויסציען קען מען זיך באניצן מיט׳ן אויבערשטנ׳ס מתנה וואס רופט זיך "גראז". מען דארף גארנישט ארבעטן פאר דעם, ס׳וואקסט פון זיך אליין און ס׳איז די ביליגסטע זאך וואס איז פארהאן. אויף דעם אופן קען מען פאשען שאף אויף א גרויסן פארנעם.

איין קו איז ווי א גאנצער "טעיק אוט" וואס שטייט אויף די פיס פון א בהמה. מ׳קען ארויסנעמען 50 דעליקאטעסן פון איין בעל חי. ס׳דא די לעבער, לונגען, אויב מען ווייסט גוט ווי אזוי דאס אפצוקאכן קען דאס זיין א געשמאקע מאלצייט. ביי די זייטן הענגען אראפ שטיקער פלייש פון וואו מען קען ארויסנעמען וועלכע סארט פלייש עס פארגלוסט זיך נאר. אויב מען וועט אריינקוקן אין די פענסטער פונעם בוטשער געשעפט וועט מען טרעפן אן אויסוואל פון כל מיני געשמאקע בשר אויף וואס צו קוקן.

אזוי האבן מענטשן אנגעהויבן הנאה האבן פון יבל׳ס אויסטרעף. זייער לעבן איז געווארן מער פארגעשריטן און רייכער ווי סיי ווען. מען האט זיך געקענט אנפאשן מיט פליישן אויף א גרויסן פארנעם.

יבל איז געווען אן ארויפגעקוקטער מענטש אין זיין צייט. קיינער האט אים נישט אראפגעקוקט פארן זיין פון די וואס האבן געבערענגט דעם מבול אויף דער וועלט. זיי האבן געלויבט למך און זיין זון יבל זאגנדיג: "וואויל איז אים פארן האבן אזעלכע גוטע קינדער, וואס ביישטייערן אזעלכע גרויסע זאכן פאר דער מענטשהייט".

און נישט נאר וואס ער איז געווען דער "אבי יושב אוהל" וואס האט דערמעגליכט דעם מענטש צו זוכן גרינערע גראז, נאר ער איז אויך געווען דער "אבי מקנה". דאס מיינט אז ער האט אויסגעגעבן אסאך יארן צו שטודירן די וויסנשאפט און חכמות ווי אזוי צו האדעווען שאף; ווי אזוי ארויסצוגעבן נייע שאף; ווי אזוי ארויסצוגעבן גוטע פעטע שאף און רינדער פון וואס מ׳וועט קענען ארויסנעמען מער פלייש. יבל האט זיך אריינגעלייגט אין דעם ענין נישט נאר פאר זיין אייגן געברויך, ער האט נישט פארזיגלט זיין אויסטרעף פאר זיך אליין נאר ער האט געלערנט די סודות פאר ווער עס האט געוואלט. יבל איז געווען הויכגעשעצט אין די אויגן פון די מענטשן צוליב זייןביישטייערונג פאר דער וועלט. מען האט ארויפגעקוקט אויף

יבל אזוי ווי די צייטונגען וואלטן אים פארגעשטעלט הײנטיגע צייטן; דער גרויסער מאן וואס האט געמאכט די וועלט מער פארגעשריטן.

למך האט געהאט נאך א זון מיט א ענליכן נאמען "יובל" וואס ער האט געברענגט שמחה אויף דער וועלט, **הוא היה אבי כל תפש כנור ועוגב** - ער איז געווען דער פאטער פון אלע שפילערס פון מוזיקאלישע אינסטרומענטן (שם ד', כ'). כנור איז אן הארפ און עוגב איז א סארט פייפער. אלע מוזיקאלישע אינסטרומענטן פאלן אריין אין דער קאטעגאריע פון די צוויי כלים, אדער איז עס א ווינט אינסטרומענט אין וואס מען בלאזט אריין צו מאכן א קול אדער איז עס א כלי מיט בענדלעך ווי צב"ש א פידל, גיטאר אד"ג.

יובל האט אריינגעלייגט גרויסע כוחות צו שטודירן די פילאזאפיע פון מוזיק. עס האט אים געדויערט יארן צו פארשטיין די טעכנאלאגיע דערפון. ער האט נאכגעקוקט חיות ווי אזוי זיי געבן ארויס זייערע קולות צו דערגיין ווי אזוי מען קען נאכמאכן די מעטאדן ארויסצוגעבן מוזיקאלישע קלאנגען.

דער קריקעט פויגל איז ווי א פידל אויף זיינע פליגלען. אויב מען קוקט אים נאך זעט מען ווי ער רייבט זיינע פליגלען איינער צום אנדערן און די בענדלעך געבן ארויס א קוויטשעדיגן קלאנג. אזוי אויך די היישריקן רייבן זייערע פיס אויף די פליגלען און דער ווידערקול דערפון לאזט ארויס אזא אפקלאנג. יובל האט דאס שטודירט און נאכגעמאכט די זעלבע סיסטעם צו פראדוצירן א פידל. אויף דעם זעלבן אופן האט ער נאכגעקוקט אנדערע בעלי חיים צו פראדוצירן דעם פייפער און אנדערע ווינט אינסטרומענטן.

מיט דער חכמה איז די וועלט געבענטשט געווארן מיט מוזיק. מיינט נישט אז דאס איז געווען א קליינער אויסטרעף. שטעלט אייך פאר מוזיק עקזיסטירט נישט אויף דער וועלט, און קומט א מענטש און שטעלט פאר מוזיק פאר דער מענטשהייט. יעדער וואלט אים אפלאדירט מיט לויב ווערטער. מען וואלט אים איינגעלאדנט צום ווייסן הויז צו באקומען א מעדאל...

היינטיגע צייטן זענען מיר "געבענטשט" מיט אן אנשיקעניש פון מוזיק וואס באגראבט אונז לעבעדיגערהייט. אבער אין יענע טעג ווען די וועלט איז נישט געווען אזוי געמיין האט מען געניצט מוזיק אויף אן אויסגעהאלטענעם אופן. מען האט צוגעלייגט שיינע ווערטער צו דער מוזיק וואס האט אריינגעברענגט חיות אין די מענטשן. מוזיק איז געווען ווי באלזאם אויף דער נשמה, עס האט באראויגט די הערצער פון די צוהערערס. ס'איז געווען ווי דער כוזרי זאגט (ב', כ"ה): "מוזיק איז אמאל געווען א כלי שרת צו דינען השי"ת און היינט איז דאס אריינגעפאלן אין די הענט פון דינסטן און נידריגע מענטשן".

ס'דא מענטשן וואס האבן הנאה פון נארישע מוזיק. מ'קען זיך דערלערנען הנאה צו האבן פון סיי וואס, אפילו פון אָאַאַ...הָהַהַ... ווען א קינד האקט אויף א דעקל פון א מיסט קאסטן קענט איר נאך א קורצער צייט הנאה האבן פון דער "מוזיק". מ'קען זיך איינרעדן סיי וועלכע

נארישקייטן און מענטשן טוען דאס כסדר. ס׳דא מענטשן וואס זאגן אז זיי האבן ליב בראנפן. רוב פון אונז וועלן קוים קענען אראפשלינגען א טראפ ליקער ביי א לחיים, אבער אויב מען וועט דאס טון גענוג לאנג וועט איר זיך אויסלערנען הנאה האבן פון בראנפן. זעט מען פון דעם אז ביטערע זאכן קען ווערן זיס אין די אויגן פון מענטשן.

אבער אין יענע צייטן זענען מענטשן נישט געווען אזוי קורצזיכטיג. דערפאר איז מוזיק געווען א געוואלדיגע ברכה ווייל מען האט דאס געניצט ווי ס׳ברויך צו זיין. איר קענט זיכער זיין אז אין יענער צייט האבן מענטשן אויסגעניצט יובל׳ס אויסטרעף צו פארמערן גוטס. זיי האבן געזונגען שיינע לידער וואס האבן באריהרט די סטרונעס פון א מענטש׳ס הארץ און נשמה. די וועלט איז דאן געווארן א שענערער פלאץ אלס רעזולטאט פון יובל׳ס דערפינדונג. אלע האבן אים געבענטשט מיט ברכות פארן צוגעבן אזויפיל צו דער וועלט מיט זיינע מוזיקאלישע אינסטרומענטן.

למך האט געהאט א דריטער זון פון זיין צווייטן ווייב "צילה", מיטן נאמען "תובל קין". אויך ער האט אויסגעטראפן א געפינס איינס אין דער וועלט וואס איז קיינמאל פריער נישט געווען, ער איז געווען **לטש כל חרש נחשת וברזל** - דער אויסארבעטער פון קופער און אייזן (בראשית ד׳, כ״ב). תובל קין איז געווען דער ערגענצער פון דער וויסנשאפט פון מעטאלארגיע.

אייזן איז א ברכה פאר דער וועלט. צומאל ווערט דאס געניצט אלס א קללה ווען מען פראדוצירט וואפן, אבער ס׳איז נישט קיין שאלה אז דער אויבערשטער האט אריינגעלייגט פילע זאפאסן פון אייזן אין דער ערד אלס א ברכה פאר דער מענטשהייט. וואו מ׳שטייט און וואו מ׳גייט קלאפט מען זיך אן אין אייזן וואס איז א וויכטיגער באשטאנדטייל פון כמעט יעדן געגנשטאנד.

תובל קין׳ס ערפינדונג פון שמעלצן אייזן, זיי אפשיידן פון די כעמיקאלן און עס אויסמישן מיט אנדערע כעמיקאלן צו פראדוצירן דעם פארטיגן פראדוקט, איז געווען א געוואלדיגער אויסטרעף פאר דער וועלט. ער האט געוואוסט יעדן מעטאל וועלכע פראצעדור צו ניצן אז ס׳זאל ארויסקומען א שלימות׳דיגער פראדוקט. און דאס אלעס איז אויסגעטראפן געווארן דורך דעם מענטש פון משפחת קין.

ס׳שטייט ווייטער (שם) אז די שוועסטער פון תובל קין האט געהייסן "נעמה". אין צוגאב צו דעם וואס חז״ל זאגן אויף איר איז פאראן א פשוט פשט: נעמה מיינט אנגענעם, זי האט געהאט גוטע איינגעשאפטן וואס האבן איר געגעבן דעם נאמען. ס׳שטייט טאקע נישט אז זי האט עפעס דערפינדן אבער מ׳קען זיך משער זיין אז זי האט ביישטייערט גוטע זאכן פאר דער מענטשהייט. כ׳קען אייך נישט זאגן פונקטליך וואס ווייל די תורה זאגט נישט קיין פרטים אבער נישט אומזיסט איז זי אויף די רשימה פון די דערפינדערס. כ׳קען מיך פארשטעלן אז זי איז געווען נאך אזוי טאלאנטפול ווי אירע ברידערס.

האבן מיר דא א גאנצע משפחה וואס ביישטייערן פאר דער מענטשהייט. די קינדער פון קין

זענען געווען די ארויפגעקוקטסטע משפחה פון יענער תקופה. טראץ דעם וואס ס׳איז געווען א אינגערער ברודער שם וואס האט אויך געהאט קינדער האבן אים מענטשן אוועקגעמאכט, "וואס קען שוין שם אויפטון? וואספארא ניצן האבן מיר פון אים? ס׳איז נאר קין׳ס משפחה וואס זענען די דערפינדערס, זיי זענען א ברכה פאר דער וועלט". משפחת קין איז געווען די געבענטשטסטע משפחה וואס האט באקומען דעם גאנצן קרעדיט פון דער וועלט!

## נח אויף דער ארענע

**א** נייער מענטש קומט אריין דא אין דער סצענע, זיין נאמען איז "נח". ער האט זיכער געהאט עפעס ׳טוב׳ אין זיך, ער איז דאך געווען א "צדיק תמים" (נח ו׳, ט׳). ס׳נישט קיין שאלה אז מענטשן האבן געהאט סיבות אים ליב צו האבן. "ער איז א פיינער מענטש", האט מען געשמועסט, "מיר האבן גארנישט קעגן רעכטפארטיגע מענטשן, אבער וואספארא ניצן האבן מיר פון אים? ער איז גוט פאר זיך, אפשר איז ער אויך גוט צו זיין משפחה אבער פאר דער מענטשהייט האט ער גארנישט צוגעגעבן. מיר האבן נישט קיין טענות צו אים אבער ס׳נישטא קיין סיבה אים צו אויסלויבן, אים בענטשן און באקרוינען".

מ׳קען זיכער זיין אז נח איז נישט פאררעכנט געווארן פאר א וויכטיגע פערזאן אין זיין צייט. קיינער האט אים נישט צוגעגליכן צו דער משפחה פון קין מיט זייערע דערגרייכונגען. לויט די מענטשנ׳ס אפשאצונג האבן זיי געוואוסט אז אויב ס׳דא איינער וואס איז ווערט עפעס איז עס די קינדער פון קין, אבער נח איז נישט דא וואס צו מחשיב צו זיין. וואס קען שוין א מענטש ווי אים עפעס צוגעבן פאר דער וועלט? אויב מיר וואלטן נאכגעקוקט די צייטונגען פון יענער צייט וואלטן מיר גארנישט געטראפן עפעס אן אנדענק פון נח. קיינער האט נישט בכלל ערוועהנט זיין נאמען. מען האט נישט געטראכט אז ער איז א קאנדידאט וואס האט געברענגט א ברכה אויף דער וועלט.

## דער חומש לערנט אונז דעם אמת

**קומט** די תורה און טוישט אלעס פון אויבן אראפ. דער חומש דערציילט אונז אז די משפחה פון קין האט גורם געווען אז די וועלט זאל נישט זיין געבענטשט נאר זאל איבערגעקערט ווערן צו א חורבן. מיר וואונדערן זיך אויף דעם אבער דאס איז געווען דער ענדגילטיגער באשלוס פון השי"ת, דער דבר ה׳ אין דער תורה.

קין מיט זיינע קינדער זענען אפגעווישט געווארן פון דער וועלט אן קיין זכר. קיין שום דורות זענען נישט איבערגעבליבן פון די געלונגענע מענטשן, יבל, יובל, תובל קין. ס׳איז נישט געווען גענוג זכותים אין זייערע דערפינדונגען און בענעפיטן וואס זיי האבן בייגעשטייערט פאר דער וועלט אז אפילו נאר איינער פון זיי זאל איבערלעבן דעם מבול.

**ונח מצא חן בעיני ה׳** - אבער נח האט געטראפן חן אין די אויגן פון השי"ת (בראשית ו׳, ח׳). נאר נח דער רעכטפארטיגער מענטש, דער וואס זיין עקזיסטענץ איז געווען אראפגעקוקט

אין צוגלייך צו די געלונגענע מענטשן - ער האט געטראפן חן אין די אויגן פון השי״ת. און אין פארגלייך צו דער צדקות פון נח זענען אלע גרויסע זאכן פון משפחת קין אויסגעוועפט געווארן. ס׳איז נאר דער צדיק נח וואס האט געראטעוועט די וועלט!

## די שיף פון נח

**די** שיף וואס נח האט געבויט איז געווען אויסטערליש גרויס, דאס אויפצובויען האט גענומען זייער א לאנגע צייט. נח האט געמוזט אוועקגעבן א גרויס חלק פון זיין לעבן אהערצושטעלן אזא מעכטיגן פראיעקט. ער האט דאס געטון כדי צו ראטעווען די וועלט. הקב״ה האט זיכער געקענט אויסארבעטן עפעס אן אנדער פלאן צו ראטעווען די באשעפענישן אן נח׳ס ארבעט. השי״ת וואלט ווען געקענט אומברענגען די זינדיגערס און לאזן לעבן די באשעפענישן אויף עפעס אן אופן וואס וואלט ווען אויסגעזען מער נאטורליך אין אונזערע אויגן, און דער מבול וואלט פארמיטן געווארן.

דאס איז א פאזל וואס מיר פארשטייען נישט. וואס איז דער געשעפט פון נח צו בויען אזא מעכטיגע שיף און דארט צאמנעמען אלע באשעפענישן פון דער וועלט געראטעוועט צו ווערן?

## דער צדיק ראטעוועט די וועלט

**דאס** איז דער געוואלדיגער און וויכטיגער לימוד פאר אונז. די גרויסע געשעעניש איז אויספלאנירט געווארן דורך השי״ת צו פראקלאמירן פאר די מענטשן אז די וועלט עקזיסטירט נאר אין זכות פון דעם צדיק. ס׳איז געווען נח וואס האט געראטעוועט אלעס וואס מיר פארמאגן היינט. ער איז געווען דער וואס האט ריכטיג בייגעשטייערט פאר דער וועלט. אויב מיר זענען דא היינט איז עס נאר אין זכות פון נח; אלע מענטשן פון דער וועלט שטאמען פון נח.

דערפאר זענען אלע באשעפענישן געראטעוועט געווארן דורך נח׳ס תיבה אז מיר זאלן אנערקענען אז די באנייאונג פון דער וועלט איז געווען נאר אין זכות פון נח. ווען מיר זעען היינט א מויקאש קריכן אויף א בוים אדער א פויגל פליען אין דער לופט ווייסן מיר אז דאס איז א תוצאה פון די געסט פון דער תיבה. פארפאסט נישט די געלעגנהייט ווען איר באגעגנט א מויקאש, איר האט פאר אייך א לימוד אז נאר דער רעכטפארטיגער מענטש איז וויכטיג אין די אויגן פון השי״ת, און אין זיין זכות וועט דער גאנצער וועלט באשאף ווייטער בליען.

און נישט נאר מויקאשן נאר אלע מענטשן וואס לעבן אויף דער וועלט שטאמען פון די וואס האבן זיך אויפגעהאלטן אין דער תיבה וואס נח האט געבויט. אלע לעבעדיגע באשעפענישן זענען עדות צו דעם פונדאמענטאלן פרינציפ אז דער מענטש וואס איז ״געגאנגען מיט השי״ת״ (שם ו׳, ט׳) איז געווען דער גרונד פון יעדן עקזיסטענץ. ער האט בייגעשטייערט די וויכטיגסטע זאך אויף דער וועלט - ער האט בייגעשטייערט רעכטפארטיגקייט.

דאס איז די טעמע פונעם היינטיגן שיעור. די גרעסטע מתנה וואס איר קענט געבן פאר

דער וועלט איז אן ערליך לעבן, א לעבן פון דערגרייכן אין עבודת ה׳. דאס איז ווי אזוי דער אויבערשטער וויל אז מיר זאלן פארשטיין די געשיכטע פון דער וועלט, און נישט נאר די פארצייטישע געשיכטע נאר די געשיכטע וואס קומט פאר אינעם יעצטיגן מאמענט. ס׳איז א לעקציע אויף שטענדיג פאר די קומענדיגע דורות אז די וואס דינען דעם אויבערשטן זענען די היטערס פון דער וועלט.

## די שומרים

**דאס** איז דער לימוד וואס די גמרא (בבא בתרא ז:) לערנט אונז. ס׳איז געווען א נשיא וואס האט געוואלט בויען א חומה ארום זיין שטאט צו באהיטן די איינוואוינער פון פרעמדע אריינדרינגער. צו דעם צוועק האט ער ארויפגעלייגט א שטייער אויף די איינוואוינער.

ריש לקיש האט פראטעסטירט זאגנדיג: ״רבנן לא צריכי נטירותא״ - די תלמידי חכמים דארפן נישט קיין שמירה. דאס מיינט אז די תלמידי חכמים זאלן באפרייט ווערן פון די שטייערן ווייל זיי באשיצן ממילא די שטאט, דורך זייער עבודת ה׳. און אזוי איז געבליבן די הלכה (שו״ע יו״ד רמ״ג): מען לייגט נישט ארויף קיין שטייערן פון שמירה אויף תלמידי חכמים ווייל זייער צדקות איז שוין א שמירה פאר דער שטאט.

כ׳מיין נישט דא צו זאגן אז מען זאל לאזן א שטאט הפקר. מען דארף דינגען פאליציי און ארויפלייגן גראטעס, מיר דארפן לעבן לויטן דרך הטבע פון דער וועלט. דוד המלך האט געהאט זייער א פארגעשריטענע ארמיי און ער אליין איז געווען א שטארקער סאלדאט - ער האט נישט איינגענומען דעם שונא נאר מיט׳ן תהילים אליין. ער האט געטראגן מיט זיך שטארקע געווער צו צעשפאלטן די קעפ פון די שונאים. די אידן זענען שטענדיג געווען גוטע קעמפערס.

דערפאר זאגט דער אויבערשטער (ברכות סד.) תלמידי חכמים זענען מרבים שלום בעולם. זיי ברענגען גוטס און פרידן אויף דער וועלט ווייל דער אויבערשטער רעאגירט צו זייער אנוועזנהייט. די נטורי קרתא, די אמת׳ע באשיצערס פון דער שטאט זענען די נח׳ס, די צדיקים וואס טרעפן חן אין די אויגן פונעם אויבערשטן.

## ווער איז אן אפיקורס?

**די** גמרא (סנהדרין צט:) זאגט: ״ווער ווערט אנגערופן אן אפיקורס?״ אן אפיקורס מיינט נישט דוקא איינער וואס גלייבט נישט, נאר איינער וואס איז נישט אינגאנצן איינשטימיג מיטן דרך התורה . די גמרא גיט א ביישפיל ווען איינער זאגט: ״מה אהנו לן רבנן״, וואספארא ניצן האבן מיר פון די תלמידי חכמים? ״לדידהו קרו לדידהו תנו״, זיי לערנען פאר זיך.

מ׳רעדט דא פון מענטשן וואס פארשטייען אז ס׳איז א וויכטיגע זאך אוועק צו געבן צייט צו לערנען תורה. יעדער פארשטייט אז מ׳קען מער שלאפן אויב מ׳לערנט נישט תורה, אפשר קען מען מאכן מער געלט, זיכער זענען דא זאכן וואס מ׳קען טון מיט דער צייט וואס

מ׳לערנט תורה וואס וואלט געברענגט מער ניצן אויף דער וועלט, דערפאר שעצן זיי די מענטשן וואס לערנען תורה "לדידהו קרו" פאר זיך, דאס מיינט פאר זייער אייגענער אינטערעס נישט פאר׳ן אינטערעס פון דער וועלט. יא מיר שטימען צו צו זייער לערנען אבער וואס האבן מיר פון דעם? דאס איז א שאלה וואס זיי פרעגן און דאס ווערט אנגערופן אפיקורסות.

איך דערמאן מיך ווען איך בין געווען א ישיבה בחור אין אייראפע פלעגן די פראסטע מענטשן אונז נאכשרייען אין די גאסן "פאראזיטן..." זיי פלעגן אראפקוקן דעם ישיבה בחור און דאס ארייגזאגן אין פנים ברבים. איינע פון זייערע באליבטע טשעפעס איז געווען "פאראזיטן..." זיי זענען געווען אפיקורסים. אויב איינער האט נישט אויפגעטון פאר דער וועלט זענען זיי שוין געווען ווערטלאז לויט זייער אפשאצונג.

די שאלה פון "מה אהנו לן לרבנן" איז א שאלה וואס ווערט ליידער געפרעגט ביי אסאך מענטשן. און אנדערע וואס זאגן דאס נישט ארויס מיט׳ן מויל טראכטן דאס אין הארצן. "וואס באקומען מיר פון זיי? ס׳איז אמת אז עס זענען דא אידן אין ירושלים וואס ליידן פון ארעמקייט און הונגער פאר דער תורה, זיי האבן פערצן קינדער און וואוינען אין א צוויי צימערדיגע דירה׳לע, זיי שלעפן אומגעהויערע חובות ווייל זיי לערנען תורה זייער גאנץ לעבן, רעכטפארטיגקייט איז געוואונטשן פאר זיי, ס׳איז זיי גוט..."

דער איז א פיינער מענטש וואס רעדט אזוי. קען זיין ער וועט אפילו געבן עפעס א נדבה אבער ס׳נישט ווייל ער פארשטייט אז די וועלט האלט זיך אויף צוליב דעם צדיק.

## אין זכות פון די צדיקים

**דאס** איז פאטאלע טעות; א שלעכטע כאראקטער. מ׳דארף וויסן אז א צדיק איז א גרויסער געווינס פאר דיר און פאר דעם דור. די גמרא אין תענית (כד:) דערציילט אונז איבער א בת קול וואס איז ארויסגעגאנגען, "די גאנצע וועלט האלט זיך אויף אין זכות פון רבי חנינא בן דוסא", ווער ווייסט וויפיל מאל מיר האבן געהאט א גוטן נאכטמאל צוליב דעם צדיק? ווער ווייסט וויפיל מאל איר האט געמאכט א גוטן ביזנעס דיעל אדער געטראפן א גוטן פאסטן צוליב דעם צדיק? ווער קען וויסן וויפיל טראגעדיעס, צרות און קרענק זענען פארמיטן געווארן, משפחות נישט צעטיילט געווארן, קהילות נישט פארשיקט געווארן אין זכות פון דעם צדיק וואס האט געטראפן חן אין די אויגן פונעם אויבערשטן?

דערפאר זאלט איר חזר׳ן ליב צו האבן דעם צדיק און אים שטענדיג שעצן. דאס איז אייער עבודת ה׳. אויב דער אויבערשטער האט געזאגט "ונח מצא חן בעיני ה׳" און דאס איז געווען גענוג צו ראטעווען די וועלט דארפן מיר אויף האבן דעם געדאנקען גאנג. אויב איר האט קיינמאל נישט געטראכט פון דעם זאלט איר אליין אנהייבן דאס צו פראקטיצירן. פאר עפעס א סיבה שטייט דאס אינעם חומש, נישט אנצופילן ליידיגע בלעטער נאר פאר אונז א לימוד לדורות.

ווען איר שפאצירט אראפ די גאסן פון ברוקלין זאלט איר קלערן אז מעגליך דרייען זיך דארט צדיקים וואס האלטן אויף די וועלט. ווען אימער איר דרייט זיך אין א אידישער קהילה זאל איר טראכטן: ״אפשר זענען דא צווישן זיי מענטשן וואס זענען נושא חן בעיני ה׳?״

די וועלט קוקט היינט אראפ אויף דעם ישיבה בחור וואס זיצט איבער פארצייטישע בלעטער און טענה׳ט זיך איבער פרטים פון הלכות וואס קען אויסזען אלטמאדיש. דער קאלעדש סטודענט איז דער וואס טוט אויף פאר דער וועלט. אפשר וועט ער אויסוואקסן א דאקטער אדער אן אינדשעניר. ער וועט בויען בנינים און בריקן, דאס מיינט סוקסעס! ער וועט זיין א ״יבל״, אפשר א ״יובל״, אדער ״תובל קין״, א ברכה אויף זיין קאפ...! אבער מיר דארפן צוריק קוקן צו וואס די תורה האלט. וואס איז די ריכטיגע השקפה. מיר דארפן ארבעטן ליב צו האבן דעם צדיק אזוי ווי השי״ת האט ליב דעם צדיק.

דאס איז די לעקציע פון דער תיבה. יעדע גוטע זאך וואס מיר האבן אויף דער וועלט איז נאר צו פארדאנקען נח וואס האט זיך געראטעוועט אין דער תיבה אינאיינעם מיט אלע באשעפענישן, דאס איז צוליב זיין רעכטפארטיקייט וואס האט צוגעברענגט ער זאל טרעפן חן אין די אויגן פון השי״ת. מיר זאלן שטענדיג געדענקען ווער זענען די ריכטיגע מענטשן וואס ברענגען ברכות אויף דער וועלט.


בעת **שמחה** ווען אירווילט ארויסווייזן

אייער **הכרת הטוב** פאר השי״ת

אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין**

**און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן**

**אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

צו מנדב זיין ״תורת אביגדור״ רופט: **845-213-7571**

פאר וויליאמסבורג רופט: **929-236-6802**

**לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן**




**צו באשטעלן ביי אונז**
**קונטרסים גליונות פאר:**

שבת באווארפן שבת שבע ברכות,
שבת התוועדות, אא״וו.

מיט די
- תפילות
- קריאת התורה
- זמירות
- ברהמ״ז

לויט אייער פארלאנג!

פארבינדט אייך מיט אונז
ווי פריער אין וואך
**615.680.9029**
gilyonosshabbosgmail.com

**ליינט די גליון יעדע**
**וואך אין די קונטרס**
**"גליונות לשב"ק",**



# שאלות ותשובות
## מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

## שאלה:
**ווען עס איז דא אזויפיל פארשידענע קרייזן צווישן כלל ישראל, וויאזוי קען מען וויסן ווער איז גערעכט?**

## תשובה:
**יעדער** איז גערעכט און יעדער איז נישט גערעכט... קיינער איז נישט הונדערט פראצענט פערפעקט אויף דער וועלט. מיר דארפן וויסן אז מיר זענען אליינס נישט אלעמאל גערעכט, און מיר דארפן טון דאס בעסטע וואס מיר קענען זיך צו פארבעסערן.

**טראץ** דעם וואס מיר דארף'ן נישט אננעמען וואס יעדער איינער טוט, יעדער דארף נאכגיין דעם דרך און מנהגים פון זיין קהלה, דארפ'ן מיר אבער געדענקען אז עס איז דא גוטע זאכן וואס מען קען זיך לערנען פון יעדן איינעם. א חסיד וואס קומט אריין אין טעלזע ישיבה קען זיך אפלערנען גוטע זאכן, און א טעלז'ער בחור וואס קומט אריין קיין ברוקלין האט וואס צו לערנען. יעדער זאל אראפ'גנב'ען אלע גוטע זאכן וואס ער קען נאר. אנטשאט ארומצוגיין און זיך אפלערנען פון יעדנ'ס שוואכקייטן: "איך האב געזען אין דעם שטיבל רעדט מען ביים דאווענען, דאס מיינט אז ס'איז נישט געפערליך, איך מעג אויך רעדן ביים דאווענען..." אדער טרעפן א שול וואו מען דאווענט שנעל און מיינען אז מען מעג אזוי טון, דאס מיינט אז ער גייט ארום פון פלאץ צו פלאץ צאמנעמען יעדן איינעמ'ס שוואכקייטן, זאל ער בעסער צאמענעמען יעדן איינעמ'ס גוטע זאכן, אזא מענטש וועט בעז"ה מצליח זיין אין לעבן.

**פארדעם** איז קנאה געמאכט געווארן. דאס ווארט "קנאה" שטאמט פון די ווארט "קונה" זיך איינקויפן; מקנה זיין יעדנ'ס גוטע זאכן. "פארוואס דאווענט ער א לאנגע שמונה עשרה און איך נישט...?" "פארוואס איז ער אזוי שיין מכבד זיין ווייב און איך בין אזוי אנגעבייזערט...?" פארוואס לערנט ער א גאנצע נאכט ווען איך פעניע אפ מיין צייט...?" אזוי זאל א מענטש ארומגיין און גנב'ענען גוטע זאכן וואס ער טרעפט.

**וועגן** דעם האט די ערשטע מאמע חוה געגעבן פאר איר ערשטע זון א נאמען קין וואס מיינט קונה. דאס איז אונזער תפקיד אויף דער וועלט, צו קונה זיין אוצרות וואס דער אויבערשטער האט ליב, ווייל הקבה"ה וויל פון אונז שלימות. שלימות מיינט צו וויסן זיינע דרכים און פארשטיין זיין תורה. ער וויל אז דער מענטש זאל האבן זעלבסט קאנטראל און זיין מענטשליך צו יעדן. און יעדע סארט זאך וואס וועט אים מאכן פאר א בעסערע מענטש זאל ער נאכטון פון אנדערע, דורך דעם וועט ער דערגרייכן צו שלימות. וואו אימער ער זעט מענטשן און וואו אימער ער גייט זאל ער נאכקוקן און נאכטון די גוטע זאכן פון יעדן איינעם.

### נדבת השבוע

חלק גדול מההצפה נתנדב ע"י
**הרבני הנכבד מו"ה אלימלך הכהן דייטש הי"ו**
**לרגל נישואי בתו למזל טוב בשעטומ"צ**
ויה"ר שיזכה לראות רב נחת דקדושה מכל יו"ח

**לע"נ הגה"צ קלונימוס אליעזר ב"ר שלמה צבי זצ"ל - יארצייט י"א חשון**

ההפצה בוויליאמסבורג נתנדב
**לע"נ ר' חיים מרדכי ב"ר שמואל ע"ה**

בקשה שלא לעיין בשעת התפלה